# תורת אביגדור

## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**
דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה** ע"ה

### פרשת כי תצא

## די מצוה פון פארגעסן

אין פרשת כי תצא לערנען מיר וועגן שכחה, די מצוה פון פארגעסן. דאס איז אינטערסאנט! א מצוה צו פארגעסן הערט זיך זייער גרינג, ווייל פארגעסן איז עפעס וואס מיר אלע קענען דאס זייער גוט טוהן. טוהן מיר נישט פארגעסן גאנץ אפט צו אויפרייניגן אונזער שלאף צימער אדער צו אפ-פאקן פון די טיש נאכן עסן?

לאמיר אבער זעהן וואס די מצוה איז טאקע.

ווען א פעלד אייגענטימער ארבעט אין זיין פעלד און נעמט צוזאם די בינטעלעך, קען זיך אמאל מאכן אז ער פארגעסט איין אדער צוויי בינטעלעך אויפן פעלד.ביים ענדע פון טאג ווען ער גייט אהיים קען אויסקומען אז אפאר בינטלעך ווייץ זענען געבליבן אין פעלד.

יעצט, שטעל זיך פאר אז דער פעלד אייגענטימער וועקט זיך אויף אינדערפרי און דערמאנט זיך אז ער האט פארגעסן יענע בינטלעך אין פעלד. ער וויל צוריק לויפן אין פעלד עס צו נעמען. די תורה זאגט אבער אין אונזער פרשה "לא תשיב לקחתו" זאלסט נישט צוריק גיין עס צו נעמען!

די תורה פארבאט אים צוריק צו גיין עס צו און נעמען די בינטעלעך. אנשטאט דעם, דארף ער עס דארט לאזן פאר אן ארעמאן עס צו טרעפן און עס אהיים נעמען פאר זיין משפחה. און די תורה זאגט "למען יברכך ה' אלקיך" - כדי דער אויבערשטער זאל דיך בענטשען אין די זכות פון די מצוה. אז דו וועסט מקיים זיין די מצוה פון שכחה - פארגעסן, און וועסט איבער לאזן די בינטעלעך אין פעלד, וועט דיר דער אויבערשטער בענטשען מיט אסאך וואונדערליכע ברכות.

די מדרש זאגט אויף דעם פסוק ווי פאלגענד "מען זעהט פון דא אז אויב א מענטש פארלירט געלט אויפן גאס און אן ארימאן טרעפט עס און נוצט עס אויף צו געבן צו עסן פאר זיין משפחה, וועט דער איד וואס האט פארלוירן די געלט געבענטשט ווערן פון דער אויבערשטער."

שטעל זיך פאר, לאמיר זאגן אז דו האסט באקומען פון דיין מנהל א קיופאן וואס דו קענסט ניצן אין די טוי סטאר. דו לייגסט עס אין דיין טאש און די פאנגסט אן צו טראכטן וואס דו זאלסט קויפן מיט די קיופאן. ווען דו קומסט אהיים ווילסטו ווייזן פאר דיין מאמע וואס דו האסט באקומען, אבער אוי! עס איז דא א לאך אין טאש, נישט די קיופאן! דו ביסט אזוי אנטוישט, יעצט וועסטו גארנישט קענען קויפן. דו האסט שוין געמיינט דו גייסט באקומען א פייפער פאר דיין בייק, אבער די קיופאן איז פארלוירן.

אבער יעצט לערנסטו אז אנשטאט צו שפירן שלעכט זאלסטו זיין פריילעך! די מצוה פון שכחה לערנט אונז אז דו דארפסט נישט זיין פארווייטאגט אז דו האסט עס פארלוירן ווייל אויב א איד טרעפט עס און ער קויפט דערמיט עפעס וואס ער דארף, באקומסט דו שכר פאר דעם, שכר פאר טוען צדקה און חסד, אפילו עס איז געשען בטעות.

פונקט ווי די פעלד אייגענטימער ווערט באלוינט מיט א גרויסע שכר פאר פארגעסן זיינע בינטלעך, די אינגל וואס האט פארלוירן זיין קיופאן אין גאס גייט אויך באקומען א גרויסע שכר פאר נישט אנהאלטן אויף עס מיט פארזיכטיגקייט. און די מצוה אליין וואס דו פארדינסט איז אסאך מער חשוב און טייער ווי די פייפער!

ווי אזוי קען דאס זיין? אז איינער וואס האט אפילו נישט געוואוסט אז ער טוט עפעס זאל באקומען שכר פאר די מצוה? פארוואס איז דאס א מצוה? עס איז נישט אזוי ווי ער האט איבערגעלאזט די בינטלאך ווייץ אין פעלד אז די ארימאן זאל עס נעמען, ער האט עס איבערגעלאזט ווייל ער האט פארגעסן! דו האסט נישט געגעבן די קיופאן פאר א צווייטע צו ניצן, האסט עס פארלוירן, עס איז ארויסגעפאלן פון דיין טאש. דאס איז די מצוה? פארוואס באקומסט דו שכר?





די וויכטיגע לימוד וואס איז באהאלטן אין דעם פסוק איז אז א מענטש קען אויסוועלן צו טוען א מצוה אפילו נאך עס איז שוין געטוען געווארן. דאס מיינט אז אפילו אויב עס איז שוין נאך עפעס איז געטוען געווארן, אפילו אויב עס איז שוין פארביי א לאנגע צייט, קען די איד נאך שטייגן העכער און העכער.

אויב דו, נאך דו האסט פארלוירן די געלט, הייבט אן טראכטן "אויב א אידיש קינד טרעפט די קיופאן און ניצט עס, ער קויפט עפעס וואס ער דארף, בין איך צופרידן. נאך עס איז געשען, בין איך פריילעך אז ער זאל עס ניצן, געזונטערהייט."

אויב דאס איז וואס דו טראכסט באקומסטו שכר פאר די מצוה פון צדקה. עס איז נישט די זעלבע ווי ווען דו וואלסט לכתחילה געטוען צדקה אבער עס איז א גרויסע געלעגנהייט מקיים צו זיין די מצוה פון צדקה און ווערן געבענטשט ביים באשעפער!

דאס איז וויכטיג פאר אונז צו געדענקען, אלעמאל. ווייל מיר גייען דורך אונזער טאג און מיר טוען אזוי פיל מצוות אן טראכטן דערוועגן. מיר טוען עס כמעט אומוואוסנדיגערהייט.

פון דא לערנט מען אז עס איז נאך מעגליך צו ראטעוועון די מצוות! קען זיין אז דו האסט נישט אריינגעטראכט ווען דו האסט עס געטוען, אבער פאר דו לייגסט זיך שלאפן ביינאכט קענסטו טראכטן "איך פריי מיך אז איך האב געוואשן נעגל וואסער היינט צופרי." "איך פריי מיך אז איך האב געמאכט ברכות היינט!" "איך פריי מיך אז איך האב געלערנט תורה היינט!" אלעס וואס דו גייסט טראכטן אזוי, נאך די זאך איז שוין געטוען געווארן איז גערעכענט ווי מצוות ביים באשעפער, און עס ווערט צוגעגרייט פאר דיר א גרויסע שכר!

גוט שבת!

כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור - פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860